בס"ד

# תורת אביגדור

פרשת וישלח



משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## די אויסגעטרעטענע וועג פון יעקב אבינו וויאזוי צו אנערקענען די טובות פון השי"ת

### די מתנות פאר עשו

**אנפאנג** פון די פרשה די וואך, טרעף מיר אונז יעקב מיט זיין גרויסע משפחה מאכן זייער וועג צוריק צו לאנד כנען, נאך צוואנציג יאר זיין אין ארם נהרים, און די זעלבע פיינטשאפט פון עשו וואס איז געווען פאר צוואנציג יאר צוריק ווען ער איז ארויס פון לאנד כנען, האלט יעצט ווייטער אן און יעקב שטייט יעצט מיט שרעק פון עשו, ער זאל נישט אויס רייסן זיין משפחה די פרוכט פון זיין ארבעט פון אזויפיל יאר.

ווען ער איז אנגעקומען צום ירדן די גרעניץ פון לאנד כנען, האט זיך יעקב צוגעגרייט צו זיין אומפארמיידבארע צוזאמענטרעף מיט זיין עלטערע ברידער, ער האט אנגעהויבן פרובירענדיג צו בארואיגען עשו, דורך אנגרייטן א מתנה וואס וועט ארויסווייזן זיין אינטערעס פאר שלום, און ער האט פארברענגט שעות אנצוגרייטן א פאראדע פון ווערדפולע מתנות פאר עשו, און איך וויסענדיג די סכנה פון עשו, האט יעקב געמאכט פלענער צו אנטלויפן דורך צוטיילן זיין משפחה אין צוויי גרופעס, האפענדיג צום ווייניגסטענס אויף א האלבע הצלה.

### יעקב אבינו'ס געהויבענע מהלך המחשבה

**און** נאכדעם האט יעקב זיך אויסגעדרייט צום באשעפער מיט א ספעציעלע תפילה און א חלק פון זיינע ווערטער וועלן מיר דורך לערנען היינט ביינאכט, ווען ער האט באגעגנט דעם ירדן האט ער אויסגערופן צו השי"ת, **במקלי עברתי את הירדן הזה ועתה הייתי לשני מחנות**, ווען אונז לערן מיר די פאר ווערטער, דארף מיר זיך אונז אליינס פרעגן די פאלגענדע קשיא, פארוואס האט יעקב נישט גערעדט מער גראדער, אסאך יארן צוריק האט איך איבער געלאזט מיין טאטענ'ס הויז, פארוואס האט ער אויסגעוועלט צו דערמאנען דעם ירדן וואס איז געשטאנען פאר אים, און פארוואס דערמאנט ער דעם וואנדער שטעקן וואס ער האט שוין זיכער א לאנגע צייט צוריק אוועק געווארפן.

יארן צוריק איז יעקב צוזאם געקומען מיט די זעלבע טייך פון די אנדערע זייט, איך געדענק ווען איך בין דורך געגאנגען דעם פלאץ, האט יעקב געטראכט צו זיך, די באקאנטע שטיינער ביים עק פון טייך, און די געוויסעביימער וואס וואקסן ביים בארטן פון טייך, איך בין שוין אמאל דא געווען, אבער יעקב האט זיך נישט באגענוגט מיט די שוואכע מחשבות, ווי איך זאג ענק יעצט, ניין, ער האט גענומען די געלעגנהייט צו א גאנץ נייע דרגה, אנשטאט אויסצוגעבן די געלעגענהייט מיט ליידיגע דערמאנונגען פון יארן צוריק אויבער פלעכליכע געפילן פון זאכן וואס מען האט געזען די ערשטע מאל, האט יעקב אויסגענוצט די זעהונגען און זכרונות וואס האט זיך ערוועקט פון צוואנציג יאר

צוריק, אויף צו דינען דעם באשעפער, און דורך אפלערנען די ווערטער פון יעקב, קען מיר אונז באקומען א בליק אין זיין מחשבה, און אנהייבן צו פארשטיין וואס די עבודה איז געווען.

## וואס זעהט יעקב אונעם ירדן?

**איך** זאג ענק אייביג מיר זענען נישט קיין מלאכים, וואס קענען דינען דעם באשעפער מיט אייגענע פארשטאנד אן די שטופ וואס די דרויסענדיגע וועלט שטעלט צו, עס איז דא א סיבה פארוואס דער באשעפער האט אונז געמאכט מיט אויגן און אויערן, עס איז דא א סיבה פארוואס דער באשעפער האט געמאכט א וועלט וואס איז פיל מיט זיינע באשאפונגען, און דאס איז וויבאלד דער מענטש איז ערווארטעט צו נוצן די תוצאה פון די וועלט ארום אים צו ווערן מער און מער אויפמערקזאם איבערן באשעפער, די וואס ווילן ווערן גרויס און מצליח זיין  אין די  וועלט וועלן זיין געניג קלוג און געניג וואכזאם צו נוצן די געלעגענהייטן וואס זענען גרייט פאר זיי, און יעקב האט פארשטאנען ווי אזוי צו ניצען די וועלט, און וועגן דעם איז ער געווען וואכזאם צו סיי וועלכע געלעגנהייט וואס וואלט דאס צוגעשטעלט. עס איז יעצט געווען מער פון צוואנציג יאר  זייט יעקב האט געמאכט זיין וועג דורך דעם ירדן צו אנטלויפן פון עשו, און ער האט זיך יעצט געטראפן ביים זעלבן טייך-דורךגאנג נאכאמאל, דאס מאל איז זיין מצב זייער אנדערש ווי אסאך יארן צוריק, און ער איז געווען געניג קלוג, גענצליך איינצוזען די געלעגנהייט פון דעם קאנטראסט.

זעענדיג דעם באקאנטן ירדן און די שטורעמישע וואסערן וואס ער איז דורך געגאנגען אזויפיל יארן צוריק, האט עס דער צדיק גענוצט צו ווערן פאר אייביג נאך גרעסער ווי ער איז געווען, יעקב האט געטראכט צו דעם טאג וואס ער איז דורך געגאנגען די זעלבע פלעצער, און גוט איבער געטראכט דעם מצב וואס ער געפינט זיך יעצט און פארגלייך צו דעמאלטס, במקלי עברתי את הירדן הזה, מיט מיין שטעקן בין איך דורך געגאנגען איבער דעם ירדן האט יעקב געזאגט, דאס איז אלעס וואס איך האב געהאט, מיין שטעקן און די קליידער אויף מיר, איך האב גארנישט געהאט, אפילו דאס וואס איך האב מיטגענומען פון דער היים איז אויך אוועק גענומען געווארן פון מיר דורך אליפז, און איך בין געבליבן אן קיין פעני, איך בין נאך געווען א בעטשלער אן קיין ווייב און אן קינדער, און איך בין נישט געווען דעמאלטס א יונגער מענטש.

## וויאזוי ווערט מען א מוצלח

**יעקב** האט נישט געוויסט וואס גייט געשען אין חרן פאר די קומענדיגע צוואנציג יאר ער האט נישט געוויסט פון די פרשיות וואס אונז האב מיר שוין געליינט אזויפיל מאל, אלע פון אונז זענען דא אפילו נישט אביסל געווען באזארגט, ווען אונז ליין מיר פון דעם עלנדן יעקב אדורך גיין דעם טייך, ווייל אונז ווייס מיר שוין אלעס פון רחל און לאה און די שבטים, אונז ווייס מיר פון יעקב׳ס סאך קינדער און משרתים זיינע סטאדעס פון בהמות און טשערעדעס פון שאף, אבער יעקב האט נאך דעמאלטס נישט געוויסט דערפון, און וועגן דעם זענען יענע עלדנע טעג, רייזענדיג נישט וויסענדיג, דורכגיין טייכן און מדבריות געווען גאנץ א שווערע צייט.

און יעקב האט צוזאם געשטעלט יענע שווערע צייט מיט זיין מצב יעצט דעמאלטס איז ער דורך געגאנגען אליינס און  יעצט איז ער אנגעלאדנט מיט פארמעגן, די פארמעגן פון ערליכע ווייבער, אסאך קינדער, ווי אויך סטאדעס און טשערעדעס, דעמאלס בין איך געווען עלענד און דערשראקן און איך האב נישט געוויסט וואס עס וועט זיין און יעצט גיב א קוק אויף מיר,

ועתה הייתי לשני מחנות איך ביך געווארן צוויי מחנות, דאס איז נישט קיין געווענליכע זאך באשעפער וואס דו האסט געטאן מיט מיר, און דאס איז נישט געווען ליידיגע מחשבות, יעקב האט דאס געפילט, עס איז געווען אמת, יעקב האט דערגרייכט שלימות דורך דעם, און דורך טאן אזוי, לערנט ער אונז צו טאן די זעלבע, איינער וואס וויל זיין א מוצלח אין די וועלט וועט אלץ זיכען וואס קען אים צוברענגען ער זאל ווערן מער און מער אויפמערקזאם פון באשעפער, און אויס נוצען די געדאנק פון צוזאם שטעלן געשעענישן מיט געוויסע פלעצער פאר די סיבה, פון בעסער געדענקען  די גוטסקייט פון באשעפער, איז זייער א וויכטיגע וועג פון דערגרייכן די גרויסקייט פון הודאה, און דאס איז וואס יעקב האט דא געטוהן ווען ער האט געזען די ירדן, נאך פאר ער האט אנגעהויבן זיינע געבעטן צום באשעפער, האט ער געלייגט זיין מחשבה צו אנערקענען זייו טויש צו רייכקייט.

## זיין אויסגעטערטענע וועג א צווי פון השם

**און** אונז טרעף מיר אז יעקב'ס מדה פון צאמשטעלן געוויסע פלעצער כדי עס זאל אים ברענגען אמת'ע געפילן פון הודאה צום באשעפער איז באמת געווען א קלארע באפעל פון באשעפער, נאכן אדורך גיין דעם ירדן האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יעקב דאס פאלגענדע, **קום עלה בית אל ושב שם**, שטיי אויף גיי ארויף צו בית אל און האלט זיך אויף דארט.

דער באשעפער באפעלט דא פאר יעקב צו מאכן דעם לאנגען וועג צוריק צו בית אל, די פלאץ פון ווי ער איז ארויס געקומען אסאך יארן צוריק, און **ושב שם** מיינט נישט ער זאל מאכן זיין וואוינונג דארט, ווייל אונז לערן מיר דאך ווייטער אז זיי האבן זיך אוועק געצויגען פון בית אל, דעמאלטס וואס איז געווען די סיבה פון זיין אהין גיין דארט? **ועשה שם מזבח לאל הנראה אליך בברחך מפני עשו אחיך**, בוי דארט א מזבח צום באשעפער וואס האט זיך באוויזען צו דיר ווען דו ביסט אנטלאפן פון עשיו דיין ברודער, דער באפעל צו רייזען קיין בית אל איז געווען נאר זיך אויפצוהאלטן דארט פאר א קורצע צייט, פאר די איינציגסטע סיבה, פון געדענקן, און גוט אריין טראכטן אלעס וואס דער באשעפער האט געטאן צו אים, זייט ער איז אנטלאפן פון עשיו, עס איז נישט געווען גענוג פאר יעקב, נאר אנצוהאלטן בשעת זיין רייזע אהיים און טראכטן  פון די חסדי השם, דער באשעפער האט געוואלט מער פון דעם, דער באשעפער האט פארלאנגט פון יעקב ער זאל ארויסגיין צו בית אל צו באזוכן דעם פלאץ וואס וועט אים צוברענגען זיך צו דערמאנען קלאר די אנפאנג פון זיין לאנגע רייזע קיין חרן, און די שווערינקייטן וואס ער האט מיטגעמאכט מיט דעם, זעענדיג בית אל וועט עס מאכן גרינגער ארויפצוברענגען זיינע זכרונות און זיינע געפילן, כדי צו פילן אמת'דיג זיין דאנק צום באשעפער, זען דעם פלאץ ווי ער האט געדארפט צוזאם נעמען שטיינער ארום זיך אלץ א באשיצונג פון די ווילדע חיות, ווי ער האט זיך אראפ געלייגט שלאפן ווי א עלענדער מענטש וועט ארויפשטיפן זיינע זכרונות, און דאס וועט ערוועקן א גאר שטארקע געפיל פון דאנק אויף וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, זייט די נאכט וואס ער האט פארברענגט אין בית אל.

## יעקב אבינו פירט אויס דעם צווי השם אויפן שטערקסטען אופן

**אין** בית אל האט יעקב געבויעט א מזבח און ער האט גערעדט צו זיין משפחה און צו זיינע מענטשן, און האט פארבינדן מיט אריכות די וווינדער און גוטסקייט פון באשעפער, וואס ער האט דורך געמאכט זייט ער איז אנטלאפן פאר זיין לעבן פון דעם פלאץ, **ואעשה שם מזבח לאל העונה אותי ביום צרתי ויהי עמדי בדרך אשר הלכתי**, יעקב האט

פארשטאנען די סיבה פון גיין צו בית אל, עס איז געווען אים צו דערמאנען די אלע גוטס וואס דער באשעפער האט געטוהן צו אים זייט דעם ווייטאגליכע טאג ווען ער איז געווען לעצט אין בית אל, זיין רייזע צו פדן ארם, און די מחזה פונעם לייטער, זיין ערפארונג מיט לבן, די דערגרייכונג פון זיינע ווייבער, און די געבורט פון זיין משפחה, ווי אזוי ער איז געראטעוועט פון לבן'ס נקמה, די מחזה פון די מלאכים ווען ער האט איבער געלאזט לבן, זיין באגעגעניש מיט'ן מלאך דורך די לאנגע נאכט, ווי אזוי ער איז געראטעוועט געווארן פון די סכנה פון חורבן צוגעברענגט דורך זיינע קינדער'ס אטאקע קעגן שכם, די גאנצע רייכקייט וואס ער האט פארדינט און אויך די נביאות און הבטחות פון באשעפער, דאס איז וואס יעקב האט געטוהן די פאר טעג וואס ער האט דארט פארברענגט, און יעקב האט דאס אלעס געטוהן אין בית אל כדי צו זען דעם חילוק פון זיין יעצטיגע הצלחה און שמחה, מיט די שוועריקייטן פונעם עבר ווען ער איז דורך אין בית אל, און דורך דעם דערגרייכן א שטערקערע געפיל פון דאנק און לויב צום באשעפער.

און דעמאלטס האט דאס פלאץ באקומען זיין אייביגע נאמען בית קל, **ויבא יעקב לוזה... ויבן שם מזבח, ויקרא למקום אל בית אל כי שם נגלו אליו האלהים בברחו מפני אחיו**, און ער האט גערופן דעם פלאץ בית אל ווייל דארט האט זיך דער באשעפער באוויזען צו אים ווען ער איז אנטלאפן פון זיין ברודער, דער ליידיגער בארג וואלט ווען געווען פאר אייביג די פארגעסענע שטאט פון לוז, אבער יעקב האט אלעס געטוישט, דורך ניצען דעם בארג צו געדענקן אלעס וואס דער באשעפער האט געטוהן צו אים זייט ער איז אוועקגעלאפן פון לוז איבערצולאזן ארץ כנען, יעקב האט געטוישט דעם פלאץ פון לוז צו בית אל, עס איז יעצט געווען א פלאץ איבערגעגעבן צום באשעפער.

## די סיבות פארוואס דער אייבערשטער האט ליב געהאט די אבות

**און** יעצט קום מיר אונז צוריק צו די ווערטער פונעם **רמח"ל** [**ר**בינו **מ**שה **ח**יים **ל**וצאטו בעל מסילת ישרים] אין זיין ספר דרך עץ חיים, וואס אונז זאג מיר דא איבער זייער אפט, **מה עשו הראשונים אבות העולם שכך חשק השם בהם**, א מענטש דארף אלעמאל טראכטן די פאלגענדע מחשבה, וואס האבן אונזערע אבות געטוהן, וואס האט צוגעברענגט אז דער באשעפער זאל זיי אזוי ליב האבן, און ווען דעם ווען איינער לערנט אפ די ווערטער פון יעקב אזוי ווי אונז טוה מיר יעצט זאל ער זאגן צו זיך אליינס, "ווי אזוי קען איך גיין אין די פיסטריט פון מיין גרויסע זיידע יעקב", אויב דו ווילסט אויך ווערן גרויס, דעמאלטס האט שוין יעקב אבינו אויסגעטרעטן דעם וועג פאר דיר, אויב אזוי, ווען דו גייסט דורך די געגענט ווי דו האסט געוואוינט אלס קינד, גיי נישט סתם אזוי דורך און איגנאריר די געלעגנהייט פון גרויסקייט, און אמת'דיג, ווייל אפילו א שנעלע און אויבערפלעכליכע מחשבה איז ארויסגעווארפען א גיטע געלעגנהייט, **שב שם**, זאגט דער באשעפער שטעל דיך אפ און האלט דיך דארט אויף, שב שם מיינט אז דער באשעפער וויל, אז די זאלסט נעמען די צייט זיך אפשטעלן און טראכטן. דו ביסט אזוי פארנומען מיט דיין לעבן אז דו פארפאסט די אמת'ע תכלית פון לעבן, גרויסקייט ווערט דערגרייכט אין די מחשבה, און דאס דורך צו פירן וועסטו דארפן אראפנעמען די קייטן פון פוילקייט וואס האלט דיך צוריק פון הצלחה.

## דיין הויז פון אלס קינד

**ווען** דו גייסט דורך דיין אלטע הויז טראכט. דרייסיג יאר צוריק האב איך דא געוואוינט מיט כמעט גארנישט, אדער ווען דו גייסט דורך דיין ערשטע דירה ווי דו האסט געוואוינט נאך דיין חתונה זאלסטו דיך אפשטעלן און טראכטן, איך דערמאן מיך אריין גיין און ארויסגיין פון די דירה, איך בין דעמאלטס געווען א יונגערמאן מיט א נייע ווייב מיט נישט צופיל מער, דו טראכסט **במקלי עברתי את הירדן הזה**, צוואנציג יאר צוריק בין איך אדורך דורך די טירן און אלעס וואס איך האב געהאט איז געווען די מינימאלסטע, א ווייב מיט אביסל פורניטשער, א ווייב איז אסאך מער ווערט ווי א וואנדער שטעקן, אבער דעמאלטס איז דאס אלעס וואס דו האסט געהאט, און יעצט ביסטו א מענטש מיט אלעם אנערקענסטו וויפיל מער דו האסט צובאקומען, ווי סאך דער באשעפער האט דיר געגעבן אין די צוואנציג יאר, אויב דו טראכסט פון אלע דעטאלן קענסטו אראפ גיין פון זינען פון דאנק אין לויב, נאר וויבאלד אונז גיי מיר דורך אונזער לעבן אן טראכטן, אנערקענען מיר נישט די חסד השם, און ממילא נוץ די מיטלען וואס יעקב האט אונז געלערנט, צו מאכן נוצן פון די פלעצער וואס דו גייסט דורך, זיך צו דערמאנען פון די פארגאנגענהייט, און שטעל עס צו, צו ווי דו האלסט היינט, און צו וואס דו האסט שוין דערגרייכט, דו ביסט געווען א קליין יונגעל אויפוואקסענדיג אין דיין מאמע און טאטע׳נס הויז, דו ביסט געווען א בחור אין דעם הויז, א יונגער פרישער יונגערמאן אין די דירה, און יעצט ביסטו א מענטש מיט א גאנצע משפחה דו האסט קינדער מיט אייניקלעך, דיין אייגענע הויז, א פרנסה, ועתה הייתי לשני מחנות, און טראכט וועגן דעם, טראכט וואס איז געווארן מיט דיר זייט דעמאלס, איך האב דעם קינד און די קינד, איך האב יעצט א קאר און מיין אייגענע הויז צו לעבן דערין איך האב דאס און דאס, יישר כוח באשעפער פאר די אלע זאכן וואס מאכן פרייליך דעם מענטש, און דאס מיינט ניצן די עבודה פון יעקב אבינו, גיין און זיינע וועגן פון נוצן די פלעצער וואס דו גייסט דורך צו וואקסן גרויס אין הודאה צום באשעפער.

## קאני איילענד עווענין

**ווען** דו גייסט דורך די ווינקל פון קאני איילענד עווניו ווי דו פלעגסט שטיין א גאנצען ערב סוכות צו פארקויפן אתרוגים, פארליר נישט דעם געלעגנהייט עס איז א ליידיגע ווינקל, אלעס וואס דו זעסט יעצט דארטן איז א פאסט קעסטל אדער א ליידיג גייער רייכערן א ציגערעטל, אבער שב שם, שטעל דיך אפ, און האלט דיך דארט אויף אפאר מינוט, איך ווייס רוב פון אייך טראכטן אז עס איז ארויס געווארפן די צייט צו פארברענגען אפאר מינוט , טראכטן וועגן די זאכן, אבער יעקב לערנט אונז אז עס איז גוט אויסצוגעבן די צייט, ממילא גייט נישט סתם אזוי דורך אן טראכטן אזוי ווי א נאַר מיט א דיקן קאפ, דו זאלסט טראכטן, און נאך בעסער איז ווען דו זאגסט עס ארויס מיטן מויל, איך בין דא געשטאנען צו מאכן אפאר דאללער פארקויפענדיג אתרוגים פאר דערכגייערס, כדי איך זאל האבן אביסל עקסטערע געלט אין מיין טאש, **במקלי עברתי את הירדן הזה**, און יעצט ווי בין איך, איך בין אויפן וועג צום ארבעט איך בין א פראפעשינעל איך האב א אינקאם, איך האב א בכבוד׳יגע ארבעט איך מאך צום לעבן, איך טוה דאס בעסטע אויסצוהאלטן מיין משפחה, ועתה הייתי לשני מחנות, איך בין אנגעקומען אזוי ווייט, איי איי איי האסט מיר אזויפיל געגעבן,

און ווען דו גייסט אדורך דיין אלטע מתיבתא איז א אנדערע גרויסע געלעגענהייט, צוריק דעמאלס טראכסטו האב איך נישט געקענט אפלערנען א שטיקל גמרא, יעדע רש״י איז געווען

א שווערע פראיעקט, איך האב נישט געהאט קיין תורה איך בין געווען רויע מאטריאל, **במקלי עברתי את הירדן הזה**, איך האב געהאט כמעט גארנישט, און יעצט **הייתי לשני מחנות**, איך גיי דורך מסכתות צו פארטיגן ש״ס, תוספת׳ן און אפשר אפילו א שב שמעתתא איינמאל א ווילע, איך פיל אן מיין מח מיט מחשבות פינעם באשעפער, יישר כוח באשעפער פארן מיך פירען אין די ריכטיגע דירעקציע.

און ווען א פרוי גייט דורך איר שולע זאל זי קיינמאל נישט איבערלאזן די גרויסע געלעגנהייט פאר דערגרייכונג, איך בין געווען א יונג מיידל און איך האב נישט געהאט אפילו די מינדעסטע אנונג וואספארא עתיד עסווארט אויף מיר, במקלי עברתי את הירדן הזה, און יעצט דו באשעפער, האסט מיך געפירט, און דו האסט מיך געמאכט צו זיין א אם הבנים שמחה, א פרייליכע מאמע פון קינדער, דעמאלס צוריק בין איך נאר געווען פארנומען מיט מיר אליינס ווייל איך האב גארנישט געהאט עפעס אנדערש און יעצט הייתי לשני מחנות.

## די צווייטע לעקציע

**אבער** איך מוז אייך זאגען אז יעקב שטייענדיג ביים עק פונעם ירדן, האט געטוהן מער פון דעם וואס אונז האב מיר גערעדט ביז יעצט, ממילא לייגט גוט צו קאפ, בשעת איך וועל איין מסביר זיין די ווערטער פון יעקב, און די צווייטע לעקציע וואס אונז זאל מיר זיך ארויסלערנען פון דעם.

הערט גוט צו צו די ווערטער פון יעקב, במקלי עברתי את הירדן הזה. ועתה הייתי לשני מחנות, נאר מיט מיין וואנדער שטעקן בין איך אדורך דעם טייך, אסאך יאר צוריק, און יעצט בין איך געווארן צוויי מחנות, באשעפער, איך בין אוועק געגאנגען מיט גארנישט, און יעצט האב איך מיר ערווארבען אזוי סאך, אז איך האב די מעגליכקייט צו צוטיילן מיין משפחה און פארמעגן אין צוויי מחנות, איך קען מיך נישט סתם אזוי אריינגליטשן אינעם לאנד, און שטילערהייט מאכן מיין וועג אהיים, איך האב א גרויסע מחנה מיט מיר, און טאקע וועגן דעם, ווייל איך האב מורא פון עשיו, און איך דארף פלאנירן ווי אזוי צו אנטלויפן, דעם שרעק פונעם עתיד, דאס מאכט מיך טאקע איינזען וויפיל דער באשעפער האט מיר געגעבן, ועתה הייתי לשני מחנות.

באשעפער, דו האסט מיר געגעבן אזוי סאך אז איך דארף צוטיילן מיין משפחה. און פארמעגן אין צוויי מחנות, האסט מיר געגעבן מער וויפיל איך האב מיך געקענט פארשטעלן.

יעקב האט נישט נאר געניצט דאס זען בית קל, און דעם ירדן דורך גיין, נאר אלץ אויפשאקלונג, ער האט געטאן מער פון דעם, יעקב ביי דעם מאמענט איז נישט דורך געגאנגען די געווענליכע פרייד פון האבן א גרויבע פאמיליע און רעדן איבער זיין טויש אין פארמעגן, עס איז א סכנה אין די לופט, די זעלבע ווי אסאך יארן צוריק, ווען יעקב איז אנטלאפן פון לאנד כנען צו פארמיידן די מערדליכע שנאה פון זיין ברודער, האט ער יעצט איבערגעטראכטערהייט, און אחריות׳דיג פלאנירט זיין באלדיגע צוריק׳קער הערנדיג יעצט פון עשיו׳ס ברענעדיגע תאווה אויסצוגעבן זיין נקמה.

און נישט די זעלבע ווי איבער צוואנציג יאר צוריק, ווען ער איז געווען אליינס, און ער האט געהאט די מעגליכקייט זיך ארויסצוגנבען און מאכן א שנעלע פליטה, די לאסט פון זיין משפחה האט עס יעצט געמאכט אוממעגליך, יעקב איז דורך געגאנגען דעם זעלבען חלק פונעם ירדן אסאך יארן צוריק בשעת ער האט מצליח געווען צו אנטלויפן פון די הענט פון עשיו, און דעמאלטס האט יעקב נישט געהאט אסאך מיט זיך, און פאר א איינצעלע רייזענדער, וואס איז

נישט אנגעלאדנט מיט משפחה און פארמעגן איז עס גאנץ גרינג דורך צו גיין דעם ירדן.

אן ערוואקסענעם מענטש קען אדורך שווימען אליינס, אדער מיט א שיפל געמאכט מיט אפאר לויזע העלצער, נישט קיין שווערע פעקלעך צו שלעפן, נישט קיין פרויען און קינדער צו באשיצען אדורך צו גיין דעם טייך, יארן צוריק איז עס געווען גרינג פאר יעקב צו מאכן דעם וועג אדורך דעם טייך.

וואלט ווען יעקב געווען אנגעלאדענט מיט נאר איין ווייב א קינד אדער צוויי, אפאר שאף און קיען, וואלט ער געהאט סאך א גרינגערע צייט צו אנטלויפען און זיך באהאלטן פון עשיו און זיין ארמיי פון פיר הונדערט מענטשן, ער וואלט געהאט די מעגליכקייט שנעל און שטיל דורך צו מאכן דעם וועג פונעם ירדן, און מאכן זיין וועג אהיים צו זיין טאטען יצחק אפילו ער וואלט זיך געדארפט באהאלטן אויף א שטיקל צייט, איין מענטש מיט א קליינע משפחה קען זיך גרינגערהייט באהאלטן אין וואלד אדער אין א הייל, אויסווארטענדיג די ריכטיגע צייט און געלעגנהייט צו אנטלויפן פון עשיו'ס צארן.

## דורך שווערקייטן באמערק דאס גיטס

**אבער** זאכן זענען אסאך שווערער ווען דו טראגסט אחריות פאר פיר גרויסע משפחות צוזאמען מיט די פארמעגן פון בעלי חיים. חפצים און כלים, אויף וואס יעקב האט אכטונג געגעבן, און עס איז נישט גרינג געווען דורך צו גיין דעם ירדן מיט אזא גרויסע מחנה, עס איז נישט קיין גרינגע אויפגאבע צו צוטיילן א גרויסע מחנה אין צווי אייגענארטיגע מחנות, אייגענע עסן און כלים מוז ווערן אהין געטראגן, און די צוטיילונג פון די ארבעט איז אינגאנצען איבערגעדרייט, עס איז געווען א שווערע מאמענט פאר יעקב.

אבער יעקב האט גענוצט די שוואכקייט צו ווערן מער און מער דאנקבאר פונעם באשעפער'ס גוטס'קייט, די אלע פארמערטע פלענער און די פארמערטע שווערקייטן וואס זיין גרויסע משפחה און פארמעגן האט אים צוגעברענגט איז גענוצט געווארן פאר יעקב צו ווערן מער און מער אויפמערקזאם פון די גוטסקייט פון באשעפער, יא, עס איז טאקע וועגן די אלע פארמערטע גוטס וואס איך האב, וועגן דעם האב איך די פארמערטע לאסט, ער האט גענוצט זיינע פראבלעמען און זיין מורא און זיין פארמערטע לאסט, עס זאל אים אויפשאקלען אין א גוטע וועג, ער האט זיך נישט באקלאגט וועגן זיין שווערע לאסט, ווען ער איז דורך געגאנגען דעם טייך האט ער נישט צוגעלאזט די שווערקייטן פון דורכגיין מיט אזא גרויסע מחנה עס זאל אוועקנעמען פון נוצן זיין מחשבה צו וואקסן גרויס, פונקט די פארקערטע, די לאסט האט אים צוגעברענגט איינצוזעהן ווי סאך ער האט געהאט, און ער האט גענוצט דעם מצב פון די שווערקייטן, אז עס זאל אריינברענגען און זיין מחשבה מער און מער דאנק צום באשעפער און יעקב איז געוואקסן גרויס וועגן די מחשבות.

און די לערנונג פון שלימות וואס יעקב לערנט אונז, איז עפעס וואס אונז אלע קען מיר נוצן, זייער אסאך שווערקייטן און טאג טעגליכע מיטמאכענישען, וואס אונז אלע גיי מיר דורך, זענען באמת וואונדערבארע געלעגנהייטן פאר גרויסקייט.

צו ווייסט איר וויפיל מענטשן וואלטן ליב געהאט דורך צו גיין דיינע געווענליכע טעגליכע שווערקייטן.

## די אנגעפילטע שאפינג וועגעלעך

**דא** איז א מענטש וואס זיין שאפינג וועגעלע איז אנגעלאדנט מיט גראסערי פראדוקטן, איר ווייסט קינדער עסן, און ווי מער קינדער, מער דארף מען איינקויפן, און עסן דארף מען באצאלן, ביי דעם מענטש דריידט זיך אין זיין מחשבה וועגן די שוועריקייטן, עס איז טייער, עס נעמט אוועק צייט, און ער דארף ארבעטן שווער צו באצאלן די ביללס, עס נעמט צייט דורך צו גיין אין געשעפט און ווארטן אין די לאנגע רייעס, און דא איילט ער זיך אנצוקומען צו די ארבעט.

רוב מענטשן וועלן דורכפאלן צו נוצען די געלעגנהייט פאר גרויסקייט, אבער דער מענטש וואס טראכט, דער איינער וואס ווייסט פארוואס ער איז אין די וועלט, וועט נישט לאזן אזא געלעגענהייט דורכגיין, ממילא דער מענטש ווארטענדיג אין די רייע קוקענדיג אויף זיין וועגעלע פיל מיט עסן, וועט לערנען די לעקציע פון יעקב אבינו, און טראכטן צו זיך. אסאך יארן צוריק ווען איך בין געגאנגען איינקויפן, איז עס געווען גרינג, זייער פשוט, אפאר זאכן אין די וועגעלע און איך בין געווען מסודר פאר די וואך, אביסל געקענטע טונא פיש. קרעקערס. א מילך און איך בין געווען מסודר, איר ווייסט א בעטשלער דארף נישט האבן קיין סאך דורך צו שטיפן, זאכן זענען אסאך גרינגער, איינער וואס איז נישט חתונה געהאט דארף אפילו נישט קיין טישטוך אויף זיין טיש, איך קען א מענטש איינער וואס איז נישט חתונה געהאט, וואס ער האט געוואוינט פאר זיך, האט ער מיר געזאגט אז ער פלעגט פשוט עפענען זיין גרויסע טעלעפאון בוך און עס נוצן אנשטאט א טישטוך, און ער פלעגט איבערדרייען דעם בלעטל ביי יעדע סעודה, איין בלעטל פאר פליישיג, און נאכדעם איבערדרייען דעם בלעטל נאכאמאל פאר מילכיג, ער האט געלעבט ווי א בעטשלער.

דעמאלס צוריק איז געווען במקלי עברתי את הירדן הזה, עס איז געווען נאר יעקב מיט זיין וואנדער שטעקן, עס איז געווען נאר דער בעטשלער, זיינע געפרווירענע בלינצעס און זיין טעלעפאון בוך, און יעצט והייתי לשני מחנות, יעקב האט געדארפט מאכן פלענער צו באשיצן זיין גרויסע משפחה, געגוג גרויס צו צוטיילן אין צוויי מחנות, זייער ענדליך דער טאטע פון די גרויסע משפחה דארף אנפילן צוויי וועגעלעך מיט אסאך מער עסן ווי דער מענטש וואס האט נישט קיין קינדער, און עס נעמט צייט. געלט. כוח. אבער דער קלוגער מענטש וועט נוצן די שוועריקייטן צו אנערקענען ווי סאך ער האט צובאקומען איבער די יארן, יא, עס וואלט געווען גרינגער ווען ער האט ווען נאר זיך אויף צו זארגן, און דאס ממש איז די מחשבות וואס דער קלוגער מענטש נוצט, ער זאגט ועתה הייתי לשני מחנות, אלע מיינע שווערע ארבעט, מיינע ביללס, מיין צער גידול בנים, איז אלעס ווייל דער באשעפער האט מיר געגעבן אזויפיל מתנות.

## ווארטענדיג ביים דאקטאר

**און** די געלעגענהייטן פאר די דערגרייכונג ענדיגט זיך נישט, עס קען זיין ווען די ווארטסט אומגעדילדיג אין די דאקטער׳ס אפיס מיט אפאר קינדער וואס באקלאגן זיך, עס איז נישט קיין פאן צו זיצן אין וועיטינג רום, אבער עס איז זיכער א געלעגענהייט, און רוב מענטשן ווארפן אוועק די געלעגענהייט מיט אומווערדפולע מחשבות, איך גיי נישט זאגן אז עס איז עפעס שלעכט אריין צו קוקן אין א ספר, וואונדערבאר. וואונדערבאר. אבער וואס איז מיט די אלע מינוטן וואס די טוסט נישט דאס, דו קענסט דערגרייכען גרויסע זאכן ווארטענדיג אינעם דאקטערס אפיס, דו ווייסט ווען דו האסט נישט געהאט קיין קינדער האסטו נישט געדארפט ווארטן אינעם דארקטערס אפיס

מיט קינדער, טראכט וועגן דעם פאר אפאר מינוט, לאז עס אריינזינקען אין דיין קאפ, די טעגליגע לאסט וואס דו טראגסט איז די תוצאה פון די פרייליכע מתנה פון קינדער.

עס קען זייו בשעת ווען דו פרובירסט אויס צו רעכענען וויאזוי עס קען אריינגיין א גרויסע גרופע פון קינדער אין א דירה וואס האט נאר אפאר שטיבער, אמאל איז עס שווער צו האבן א היים פיל מיט קינדער, א קינד איז נישט קיין בעל חי וואס דו קענסט אים אריינלייגן אין א שטייג אין פארגעסן דערפון, קינדער קריגן זיך, זיי שרייען, זיי צוברעכן זאכן, זיי ווערן קראנק, אין דיין הויז איז א אנגעפילטע פלאץ מיט קולות, און בשעת דו שטייסט דארט הערנדיג די געשרייען קענסטו נעמען א מינוט אין זאגן ועתה הייתי לשני מחנות, ברוך השם איך האב די פראבלעמען.

עס קען זיין בשעת דו פרובירסט אויסצורעכענען וויאזוי צו נעמען אלע דיינע קינדער און אלע רענצלעך ארויף צו די קאנטרי פאר די זומער, אדער וויאזוי וועסטו דורכקומען באצאלען די ביללס פאר די זומער קעמפס, די אלע זאכען זענען דיינע אייגענע ועתה הייתי לשני מחנות, און זיי זענען געלעגענהייטן פאר דערגרייכען די שלימות און דאנקען צום באשעפער, ווייל דו געווינסט דיך איין צו נעמען אפילו די שוועריקייטן פון לעבן וואס מאכט דעם מענטש מיט א פוילע מח איבערגעשטרענגט און אפילו נישט פרייליך, און דו נוצט די שוועריקייטן עס זאל דיך דערמאנען פון די גוטסקייט וואס דער באשעפער האט דיר באשאנקען.

## פארדעם פארצייילט אונז דאס די תורה

**אין** די אלע לעקציעס וואס אונז לערן מיר פון יעקב אבינו, זענען געדאנקען וואס אונז דארף מיר לעבן דערמיט, וועגן דעם ווערן די אלע לעקציעס געלערנט אין די תורה כדי אונז זאל מיר זאגן ואעשה כן גם אנכי, און איך וויל טוהן אזוויי יעקב האט געטוהן, און ווערן גרויס אזוי ווי יעקב, און צו נוצן די געוויסע פלעצער וואס די זעסט און דו גייסט דורך, עס זאל דיך דערמאנען וואס דו ביסט אמאל געווען, און די אלע גוטס וואס דער באשעפער האט דיר באשאנקען זייט דעמאלס איז די ערשטע לעקציע וואס אונז לערן מיר פון יעקב אבינו.

און נאכדעם צו ניצען אלע פון די לאסט און שוועריקייטן וואס קומט מיט, מיט די מתנות פון באשעפער, כדי אויפצושאקלען אונזערע געדאנקען צו געדענקען זיין גוטסקייט, איז די צווייטע לעקציע וואס אונז לערן מיר פון יעקב אבינו.

און דורך נאכגיין אין די וועג פון יעקב, וועסטו ווערן א פרייליכער מענטש, אויב דו וועסט נוצען די געלעגענהייטען וואס דער טעגליכער לעבן שטעלט צו, דו וועסט אנערקענען די ענדלאזע רווחים וואס דער באשעפער האט געשאנקען פאר דיר און דורך ברעכן די געוואוינהייט פון דורך שפאצירן דאס לעבן אן טראכטן, און נוצן די מעטאדן צו וואקסן גרויס אין דאנקען דעם באשעפער, וועסטו ווערן א מוצלח און א לעבן  וואס איז די אמת'דיגע תכלית אין די וועלט.

**האט אלע א וואונדערבארע שבת**

בס"ד

## צו באשטעלן ביי אונז גליונות פאר:

**שבת שמחות, שבת התוועדות, מקומות הק' אא"וו.**

**מיט די תפילות, קריאת התורה, זמירות און ברהמ"ז - עניני צדיקים-יארצייט**

**לויט אייער פארלאנג**

**פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך**

**615.680.9029**

**gilyonosshabbos@gmail.com**




## ליינט די גליון יעדע וואך אין קונטרס גליונות לש"ק

gilyonosshabbos@gmail.com

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך

לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען

רופט 718-757-1681

# ווען ווערן אויסגענוצט די זכותים און מצוות פון א מענטש און ווען נישט

## שאלה:

**איינער האט מיר געזאגט אז אויב איך בין ניצול געווארן פון א מצב סכנה, זענען מיינע זכותים אויסגענוצט געווארן, איז דאס אמת?**

## תשובה:

**אויב** א מענטש לייגט אליינס אריין זיין לעבן אין א סכנה, און למעשה איז ער געראטעוועט געווארן, זאל ער וויסן אז די גמרא זאגט אז ער האט אויסגענוצט אסאך פון זיינע מצוות, עס לוינט זיך נישט, עס איז אסאך פון תפילין אסאך פון שמירת שבת, עס איז זיכער אז עס לוינט זיך נישט אריין צו לייגן אין א סכנות'דיגע מצב, אויב דו ביסט א רייכערער און דיינע לונגען זענען געזונט זאלסטו וויסן אז עס קאסט דיר אסאך פון תפילין.

**אבער** אויב איינער איז געווען אין א סכנה נישט וועגן זיין אייגענע שילד און דער באשעפער האט אים געראטעוועט פון די סכנה, דעמאלטס ניצט ער נישט אויף קיין שום פון זיינע זכותים, אויסער אויב ער פאלט דורך מיט עס נישט אנערקענען, ווען דער באשעפער טוט עפעס פאר אונז, נישט נאר ער ראטעוועט אונז פון סכנה, ווען ער געבט דיר געזונט, ער געבט דיר די מעגליכקייט צו ניצן דיינע אויגן די מעגליכקייט צו גיין, צו פינקציאנירן, און דו דאנקסט אים נישט פאר יעדע איינע פון די מתנות דעמאלס ניצטו אויס אלע דיינע מצוות, דו דארפסט עפעס טוהן אויף צוריק צוגעבן, ממילא זאגט דעם באשעפער. אדער דאנקסטו מיך פאר דיינע אויגן אדער וועל איך נעמען עפעס אויף צוריק פון דיר, איינע פון דיינע זכותים איז אראפ גערעכנט פון דיר.

**דו** דארפסט דאנקען דעם באשעפער אויף די פאקט אז דו קענסט גיין ברוך אתה השם המכין מצעדי גבר, ער שטעלט אוועק א מענטש'ס פיס טריט, דו דארפסט מאכן די ברכה יעדן טאג, אבער עס איז נישט גענוג, דו דארפסט טראכטן וואס דו זאגסט און דו דארפסט טראכטן וועגן דעם א גאנצן טאג, ווען א מענטש גייט אין די גאס און ער זעט מענטשן זיצן אין א ראדשטיל וואס קענען נישט גיין, און ער אנערקענט נישט די גרויסע רווח פון גיין, די גרויסע שמחה פון זיך קענען ריקן דעמאלטס זאגט דער באשעפער, דו צאלסט מיר נישט, איך וועל עס שוין איינמאנען פון דיר, וועגן דעם אויב א מענטש דאנקט דעם באשעפער אויף וואס ער באקומט, דעמאלס גייט ער נישט ווערן געצווינגען צו באצאלן אויף אנדערע וועגן, און דאס איז די זייער גרויסע וויכטיקייט פון דאנקען, אנדערש זענען מיר אין חובות, זייער טיפע חובות.

**שאלות און תשובות**
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"